# רבי אביגדור אנטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' לך
תשפ"ה לפ"ק



## פראגע

## וואס קענען מיר לערנען פון א פיטש (פערזשיך) קערל?

## ענטפער:

"**אשר** זרעו בו!" ווען דו גייסט אינדערפרי אויפ'ן גאס, און דו זעהסט א פיטש קערל ליגט אויף דער ערד, איז עס פארמאכט אין א שטארקע האלטער וואס היט אים אפ אז ער זאל נישט ווערן צעטראטן דורך פיס, און עס היט אים אפ אז מענטשן זאלן אים נישט אויפעסן. דער קערנדל זעלבסט האט נישט קיין שלעכטן טעם, עס האט א טעם פון מאנדלען, אבער ער איז ארומגענומען מיט א הארטן האלטער וואס מאכט אז ס'זאל זיין צו שווער אנצוקומען צו אים, איז מיר זענען זיך מייאש און מיר שפייען עס אויס, אבער ווען עס פאלט אריין אין דער ערד – וואס פאסירט צו דעם פיטש קערנדל?

איר ווייסט, אויב איר וועט נעמען א האמער און פרובירן אויפצוברעכן א פיטש קערל, אסאך מאל וועט איר נישט קענען, אבער ווען דו לייגסט עס אריין אין דער ערד עפענט זיך עס אויף פון זיך אליינס; די צוויי חלקים עפענען זיך אליינס. צו ווייסט איר וויאזוי עס ארבעט?

איך האב עס קיינמאל נישט געזעהן אין קיין בוך, אבער איך פארשטיי אז עס ארבעט אזוי: עס איז באהאפטן דורך א ספעציעלע קלעב, און ווען די קלעב גייט אריין אין די זאמד ווערט עס צעלאזט דורך די באקטעריע וואס געפונט זיך אין דער ערד. זעען מיר אז די ערד באקטעריע איז געמאכט געווארן פאר די קלעב, און די קלעב איז געמאכט געווארן פאר די ערד באקטעריע. און אזוי אויך האט דער בורא געמאכט אז די פיטש קערל זאל זיין צעטיילט אין צוויי חלקים, וואס ווערט בלויז באהאפטן דורך ספעציעלע קלעב, איז מענטשן שפייען עס אויס ווייל ס'איז צו שווער עס צו עפענען. די מאוקאשלעך האב שארפע ציין אבער ס'איז צו שווער פאר זיי אויפצוברעכן דעם קערל, לאזן זיי עס ליגן אויף דער ערד. און נאך א ווײלע הייבט די ערד-באקטעריע אן צו ארבעטן אויף די קלעב און עס עפנט זיך פון זיך אליינס. און צוליב די סיבה פארמאגט אויך נישט קיים שום קערל, קיין ציענדע קאליר.

איר עפנט אויף א וואסער-מעלאונע, די פלייש איז רויט. פארוואס איז די פלייש רויט? ווייל עס רופט אויס: עסט מיר! זי לאדענט אייך איין איר אויפצועסן, אבער נאר ביז מען קומט אן צו די שאלעכטס. ביי די שאלעכטס פארלירט זי איר רויטע קאליר, און זי רופט אויס: עסט נישט מער! איר קענט באקומען א בויך-ווייטאג...! אבער די מעלאונע זעלבסט, איר פלייש איז רויט, ס'איז רויט און זיס און זאפטיג, און אינעווייניג וועט איר אויך טרעפן קערנדלעך. די קערלעך פארמאגן "נישט" קיין קאליר, ווייל די קערלעך בעטן נישט מען זאל זיי אויפעסן, זיי בעטן זיך אז איר זאלט זיי אפלאזן: ביטע, באמערקט אונז נישט!

און אויב איר וועט פרובירן ארייַנצובייסן אין א קערל פון א וואסער-מעלאונע, וועט איר באמערקן אז ס'איז ארומגענומען מיט א גליטשיגע פליסיגקייט און עס פליעט ארויס פון מויל. דאס איז א ספעציעלע באשיצונג פון ווערן אויפגעגעסן. טאקע פארדעם וועט איר אלץ טרעפן מעלאונע קערלעך אונטער'ן דיינינג-רום טיש. אויב וואלט איר געהאט א נאטירליכע דיינינג רום, וואלט עווענטועל געוואקסן וואסער-מעלאונע אונטער אייער טיש. און אויב וועט אייך געלונגען אויפצוברעכטן א מעלאונע-קערל, וועט איר זעהן אז ס'האט נישט קיין קאליר, ס'איז נישט זיס, ס'פארמאגט נישט קיין נערונג, וויבאלד עס איז געמאכט געווארן צו נעהרן די קומענדיגע דורות פון מעלאונע, און פארדעם דארף עס נישט קיין קאליר.

טראכט אריין, פארוואס זאל בלויז די פלייש פון די מעלאונע זיין אזוי הערליך רויט און זיס, אבער די פלייש פונעם קערל איז נישט רויט און נישט זיס? דער ענטפער איז: די קערל איז נישט 'געמאכט' צו עסן. דער בורא וויל אז איר זאלט אפלאזן דאס קערל און איר נישט עסן. פאר די זעלבע סיבה מאכט ער אז די אראנדזשן קערלעך זאלן זיין ביטער. אראנדזש קערלעך זענען ביטער. זיי זענען נישט גליטשיג אז ס'זאל ארויספליען פון מויל, זיי זענען נישט הארט ווי א פיטש קערל, דעריבער האט הקב"ה זיי געמאכט מיט א ביטערן טעם, און וויבאלד זיי זענען ביטער שפייט מען עס אויס, און אויב ס'איז א געזונטע קערל, און ס'איז דא די ריכטיגע קלימאט, דאן וועלן ארויסוואקסן נייע אראנדזשןביימער אלס רעזולטאט.

און דערפאר איז אונזער ארבעט צו "נתפעל" ווערן

פון דעם "אשר זרעו בו!", און די תורה וויל איר זאלט זיך אפשטעלן און נוצן אייערע "אויגן", און "טראכטן" וועגן דעם, שטודירט עס, פאר דעם צוועק איז עס דא!

פראגע

## פארוואס האלט דער רב אין איין זאגן אז ס'איז נישט דא קיין 'לעבן' אויף אנדערע פלאנעטן? בלויז וויבאלד לעבעדיגע זאכן פאלגן נאך א געוויסע גאנג דא, מיינט נאך נישט אז ס'איז נישטא אנדערע סארט פארמען פון לעבן אויף אנדערע פלאנעטן?

**ענטפער:**

**"לעבן"** – דארפט איר וויסן – מוז האבן די באשטאנדטיילן וואס מאכט דאס לעבן מעגליך. צו ווייסט איר וואס לעבן איז? "לעבן" איז די מעגליכקייט צו נעמען זאכן פון די אינדרויסן און עס פארדייען אין די אייגענע קערפער, פאר'ן צוועק פון איבערפרישן די אפגענוצטע צעלן; דאס ארייננעמען די דרויסנדיגע באשטאנדטיילן צו באנייען דעם קערפער און דיר צושטעלן די ענערגיע וואס פעלט זיך אויס צום לעבן. דו מוזט עפעס האבן – עפעס מוז זיין דיר צו געבן לעבן! און דערפאר, סיי-וואס עס איז, לאמיר זאגן אז דו ווילסט אויפטראכטן אן אנדערע סארט פארעם פון לעבן אויף עפעס אן אנדערע פלאנעט, ערגעצוואו. מסכים, לאמיר זאגן דו ווילסט מענטשן מיט פליגלען. דו דארפסט נאך אלץ עסן. דו דארפסט נאך אלץ אטעמען. עס קען נישט זיין אנדערש.

קוק, בלויז וויבאלד דו ווילסט פאנטאזירן אז ס'איז דא באשעפענישן וואס דארפן נישט אטעמען און עסן צו קענען עקזיסטירן – "המוציא מחבירו עליו הראיה." דו וועסט דארפן אויפווייזן אז ס'איז דא אזא זאך. ס'איז א משוגעת! איז דו דארפסט אויפווייזן דעם משוגעת. ווילאנג דו טוסט דאס נישט, ווייסן מיר אז 'לעבן' איז א געוויסע זאך. ס'האט א געוויסע סיסטעם. א געוויסע פראצעדור. 'לעבן' דארף האבן נעהרונג. לעבן דארף לופט. לעבן דארף וואסער. אן קיין לופט און וואסער, און אן עסן, קענסטו נישט האבן קיין שום לעבן.

איז דו ווילסט מיר זאגן אז אפשר איז יא דא עפעס א סארט לעבעדיגע באשעפעניש וואס דארף נישט קיין עסן און לופט. און דארף נישט קיין וואסער. א משוגעת! אלע סארטן משוגענע געדאנקען. איר קענט אויפטראכטן וויפיל משוגענע זאכן איר ווילט נאר, אבער איך בין נישט מחויב זיך צו זארגן וועגן דיינע משוגענע אויפטרעפן... המוציא מחבירו עליו הראיה. דו דארפסט עס איבערווייזן. דאס אלעס.

פראגע

## וויאזוי קען איך זיך אפהיטן פון קוקן וואו מען דארף נישט, גייענדיג אויפ'ן גאס?

**ענטפער:**

**נומער** איינס: ווען דיין קאפ איז א "וואקיום", ווען דיין מח איז ליידיג, דאן קומט אריין אלע סארט נארישקייטן אין דיין מח. אבער ווען דיין מח איז פול מיט גוטע מחשבות – אפילו די שיעורים וואס דו הערסט דא – מאך זיכער צו טראכטן וועגן דעם כסדר. פרוביר צו פארפילן וואס דו האסט געהערט. און ווען דו לערנסט, אפילו ווען דו לערנסט הלכות, מאך זיכער צו האלטן דיין מח פול מיט די געדאנקען און מושגים – אפילו ווען דו לאזט איבער דעם ספר, און דו גייסט ארויס פון ביהמ"ד. דאן, וויבאלד דיין מח איז פול, וועלן נישט שלעכטע זאכן און שלעכטע געדאנקען קענען אריינקומען אין דיין קאפ אזוי גרינג. דאס איז נומער איינס, די וויכטיגסטע זאך, האלט דיין מח פול מיט תורה-געדאנקען.

צווייטנס; ווען דו ביזט אויפ'ן גאס, קוק אויפ'ן סיידוואלק בשעת די גייסט. קוק נישט רעכטס אדער לינקס – חוץ ווען דו גייסט אדורך דעם גאס. ווען דו דארפסט אריבערגיין א גאס קוק לינקס און קוק רעכטס, און נאכאמאל לינקס און רעכטס. אבער אויסערדעם קוק אויפ'ן סיידוואלק. שטודיר די צעמענט די גאנצע צייט ווען דו גייסט. האלט דיין אויגן אראפ. דו וועסט זיין איבערראשט וויפיל דאס וועט דיר העלפן. האלט דיין אויגן אראפ.

יעצט, ס'איז גוט צו וויסן – און דאס וועט אויך העלפן – אז אלע מענטשן (גוים) ארום דיר זענען טמאים. אלע מענטשן ארום דיר זענען בהמות. זיי זענען פארלוירענע נשמות. אלע פון זיי וועלן גיין אין גיהנום. אלע פון זיי! ס'איז א רחמנות. אלע פון זיי האבן נישט קיין שום תוכן. זיי טראכטן נישט וועגן הקדוש ברוך הוא אפילו איינמאל אין זייער גאנצע לעבן. אפילו נישט איינמאל! איז וויאזוי קענסטו זיך פארגלייכן צו זיי? זיי זענען בהמות. "ורוממתנו מכל הלשונות." – דו האסט אונז דערהויבן פון צווישן אלע פעלקער פון די וועלט. איז דו זאלסט זיכער שפירן א געוויסע סארט וויכטיגקייט פאר דיר אליינס אלס א איד. ווייס ווער דו ביזט! און דערפאר קוק נישט אויף קיינעם. וואס האט עס מיט דיר? דו לעבסט מיט השי"ת אין דיין מח! איז קוק בלויז אויפ'ן סיידוואלק.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעזעצט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@ TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures.
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel.
Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל




נאר אידיש




לה"ק אידיש




נאר לשון הקודש

$1.50 א וואך
מועדים $4.50

**בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק**

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק










צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**